# אויפ'ן וואונק!...



אט איז דער געבויער „טעקסט“ פון דער לעצטער נאטע צו אמעריקא...

# כחמת היעקע

## צוגעשיקט צום „קונדס“ ספּעציעל פון בערלין

פיר קאמפּס־לענדער זענען פאראן אויף דער וועלט: שפּאניען איז דאס לאנד דער שטיער־קאמפּעס (אקסען־קאמף), איטאליען איז דאס לאנד דעם בירגער־קאמפּעס, דייטשלאנד איז דאס לאנד דעם קולטור־קאמפּעס און פּוילען איז דאס לאנד דעם ציצה־כנפות...

אין א בערלינער בית־הכנסת גייט אריין א פּוילישער ייד פון א קליין שטעטעל און איז זיך מכוין זיין צו שחרית... ווייענדיג א ויסגעקן זעט דער ייד א אויפשריפט אויף דייטש „אן זייך שפּילען“. מילא זאגט דער ייד „שפּילען קאן איך נישט ווייל איך האב נישט קיין פּיעלע, זעגי איך מוזען זיין מיט זינגען“ — און האט טאקע אנגעהויבן צו זינגען „הל מקדש“...

אויף דער גרענאדיער־שטראסע אין בערלין טרעפט א פּוילישער ייד א דייטש געזעצער צו איהם צו און זאגט איהם:

— „פאניע, איך האבע פיר זי איין וואגען לייבען.

— „וואס פיר לייבען?“ — נרעגט דער דייטש.

— „קריאת־שמע לייבען“ — ענטפערט דער ייד.

א רוסיש־יודישער עמיגראנט אין בערלין באזוכט אווענד־קורסען צו לערנען די דייטשע שפּראך. „זאגען זי מאל, הער אבראם, איין הויפּטווארט“ — ווענדעט זיך דער לעהרער צום שילער, דעם לישהאק.

„עזל“ — ענטפערט דער שילער.

„אונד איין צוזאמענגעזעצטעס הויפּטווארט?“

„רב העזל“.

„אונד איין הויפּטווארט פאן דריי צוזאמענגעזעצטען ווערטען?“

„שמע ישראל“...

# אין צוג

## זיין מורא פאר א „זאראזע“

אלטער מאן (צו א פרוי מיט א קליין קינד): וואס ווייבט אזוי דאס קינד, איז עס נישט אמאל קראנק אויף א זאך אנשליוונע קרענק?

פרוי: קראנק איז עס, נאר זאראזשען וואלט איהר זיך אין איהם געוואלט.

אלטער: וואס הייסט?

פרוי: דאס קינד געהען די ציינדלעך, וואס וואלטען איך זעהר שטארק צונויף געזוכט.

# ס'ווענדט זיך מיט וועמען?

## פאר'ן צוג אפגעהען

פרוי (צום באהן־בעאמטער): וועל איך באדאנזשען ארויסצוגעהען זיך געזעגענען?

בעאמטער: ס'ווענדט זיך מיט וועמען: מיט אייער מאן — יא, מיט אייער כלבלאפשער — נישט.

# טויזנטער נארישקייטען

## אונטערגעהערט אין סיים־בופעט

ביים סיים־בופעט שטעלט איינער פאר חברה אנדערען א בעקאנטע פרוי: —

— איהר זעהט, די פרוי האט אין משך לעבען אנגעשריבען טויזנד נארישקייטען און אידיאטיזמען.

— זי איז א שרייבערין?

— ניין, זי איז א סיים־סעקרעטאר...

# נאך גרעסער פון נס חנוכה

## פון די לאדזשער ניסים

א וואונדער נס איז געשעהען ביי די חשמונאים: מ'האט געמאכט א רעוויזיע אין בית־המקדש, האט מען געפונען א קריגעל אייל.

אין לאדזש איז די טעג געשעהען א גרעסערער נס; מ'האט געמאכט א רעוויזיע ביי א לאדזשער מאנופאקטוריסט, האט מען אין דער אייזערנער קאסע געפונען.... א זלאטי.

# חנוכה־בעלער

## ווער, וואו טוט איינארדנען?

די „קראקאזנאוועצעס“ ארדנען איין א חנוכה־באל אין לאקאל פון „הכנסת כלה“.

דער צענטר. סוחרים־פעראיין ארדנעט איין א חנוכה־באל פאר די מיטגלידער אין לאקאל פון דער „סאניא קוכניא“.

דער ארטיסטען־פעראיין, ארדענט איין א חנוכה־באל פאר זייערע מיטגלידער אין לאקאל פון „מושב זקנים“.

דער דאקטוירים־פעראיין ארדענט איין א חנוכה־באל פאר די מיטגלידער אין לאקאל פון שוסטער־צעך.

דער מוזיקאנטען־פעראיין ארדענט איין א חנוכה־באל אין לאקאל פון אינוואלידען־פעראיין.

# לאטקעס

## וואו זענען זיי און ווי אזוי דערקענט מען זיי?

די זעהסט זיי היינט אומעטום: אמאל האט מען זיי געזעהען נאר אום חנוכה, היינט האט איהר זיי: אין גאס, אין בוקעריע, אין טעאטער ערשטען שאנד, אין סיים, אין כנעסט, אין שטאט־ראט, אין דער קהלה, אין די סוחרים־פעראיינען, אין די פילאנטראפּישע פעראיינען. זיצען ביים „גרינעם טיש“ און קלינגען מיטן גלעקעל. זיצען אויף דער מורח־וואנד און זאגען דעות — אומעטום זעהט איהר זיי — די לאטקעס!

# אויפ'ן לאדזשער שטייגער

## א שמועס ביי א טישעל אין „גראנד־קאפע“

אין „גראנד קאפע“ טרעפען זיך צוזאמען צוויי בעקאנטע.

— א, גאלדשטיין, וואס מאכסטו? וואו האסטו דיין פרוי פארברענגט דעם האניג־חודש?

— מיר האבען דעם האניג־חודש נישט פארבראכט צוזאמען.

— נו וואו זענט איהר געווען?

— איך, פאר פעלשען טשעקען בין דעם האניג־חודש געזעסען אויף דער מילשא, און מיין פרוי — אין קימפעטארין־קליניק.

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

בייל‍אגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 298
פרייטאג דעם 23 דעצעמבער 1932

## לכבוד חנוכה

# אי, דאס „דריידעל“...



יוד: פון דעם „דריידעל“ דריידעלט זיך מיר איז קאפּ. זי פערדריידעלט מיר די יאהרען. צוליב אט דעם „דריידעל“ דריידעל איך וועקסעלעך, אוז דער סוף וועט זיין, אז כ'וועל מיך נאך אריינדריידלען אין „יושב בסתר“...



אויפנאַהמען פון דער ג׳וסטע׳ באַהן־קאַטאַסטראָפע אין דער שווייץ. אויבען: די רעטונגס־מאַנשאַפטען ביי דער אַרבייט. אונטען — אַ צושמעטערטער וואַגאָן.



אונטען: דאָס וואַרען־הויז אין שיקאַגאָ, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרען, ברענגענדיג דרייסיג הונדערט קרבנות.





אויבען: אַ נייער דענקמאָל פאַר׳ן קאָמפּאָזיטאָר ריכאַרד וואַגנער.

לינקס: אין האַמבורג איז געשטאָרבען דער בערימטער מעטעאָראָלאָג פּראָפעסאָר וויגאַנד.

אונטען: אין לאָנדאָן זענען אויפגעשטעלט געוואָרען אויף די גאַסען רויטע לייכט־טורעמס כדי צו פארליכטיגען דעם פערקעהר.



לינקס: מאָנומענט־מאָדעל פון די שילער פון אַנגלישע קאָלעדזשען־שולע.



אויבען: מאַקדאָנאַלד צוריק אין לאָנדאָן. פון לינקס: פּרעזידענט פון לאָרדען־הויז לאָרד סענקעי, דייטשער אַמבאַסאַדאָר פאָן העש, מאַקדאָנאַלד און זיין טאָכטער איזאַבעלא.



אויבען: דאָס וועלט־בערימטע אָפּערן־הויז אין לאָנדאָן ווערט אַראָפּגעריסען.



אַ מאָדעל פון „עראָפּלאַן פון דער צוקונפט״







אונטען: אין קאַליפאָרניען איז געמאַכט געוואָרען אַ פּראָבע דורכצולאָזען טייערע ביכער מיט גיפט־גאַז כדי זיי צו באַהיטען פון ביכער־ווערים.







אויבן רעכטס: דער טייך איז אַרויס פון די ברעגעס! פאַרפלייצונג אין שאָטלאַנד.

אינדערמיט רעכטס: די דייטשע פילאָטקע שטראַסמאַן פליהט איצט איבער דרום-אַמעריקע

אונטן רעכטס: פייערליכע איינווייהונג פון דער נייער שטאָט ליטאָריאַ אין איטאַליען אויפן אָרט פון אויסגעטרוקנטע זומפּן.



דער שנעלסטער צוג אין דער וועלט אויף אַ וואָקזאַל אין בערלין, דער צוג לויפט מיט אַ שנעלקייט פון 155 קילאָמעטער אַ שעה.



גרויסע באַהן-קאַטאַסטראָפע ביי ווירצבורג.





אויבן לינקס: געפערליכע אויטאָ-רייזע אויף אַ שאָסיי באַדעקט מיט אייז און שניי.



אינדערמיט לינקס: דער דאַלאַי לאַמאַ פון טיבעט, וועלכער איז אַנטלאָפן קיין כינע.

אונטן לינקס: שפּאַנונג צווישן איטאַליען און יוגאָסלאַוויען, דעמאָנסטראַציע געגן יוגאָסלאַוויען אין רוים.



